בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

פרשת עקב תשפ"א | גליון 611 [שנה י"ג]

**וואס איז די שמחה דא? און וואס מיינט עקב?**

וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית וגו': (ז יב) פרעגט דער אוה"ח הק' עס איז ידוע אז והיה מיינט א לשון שמחה, וואס איז די שמחה דא? נאך פרעגן אלע פארוואס שטייט דוקא דער לשון עֵקֶב? נאר עס שטייט (ד ל) בַּצַּר לְךָ וּמְצָאוּךָ כֹּל הַדְּבָרִים הָאֵלֶּה בְּאַחֲרִית הַיָּמִים וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹקֶיךָ וְשָׁמַעְתָּ בְּקֹלוֹ: פשט אין פסוק איז, אז בְּאַחֲרִית הַיָּמִים, וועט דער אויבערשטער צווינגען אז וְשַׁבְתָּ עַד ה' אֱלֹקֶיךָ וְשָׁמַעְתָּ בְּקֹלוֹ, מען וועט מוזן תשובה טאן, אבער עס קען זיין בַּצַּר לְךָ, דורך יסורין חלילה, ממילא אויב מען וויל פארמיידן די יסורין, איז די עצה אז מען זאל שוין תשובה טאן פאר די יסורין קומען, ממילא וועט מען קענען גיין אנקעגן משיח מיט שמחה און רוהיגקייט, יעצט עֵקֶב מיינט דער סוף, די **עקבתא דמשיחא**, בְּאַחֲרִית הַיָּמִים, זאגט די תורה אויב עֵקֶב, בְּאַחֲרִית הַיָּמִים, תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם, מען וועט טאן גוטע זאכן, דעמאלטס וועט זיין וְהָיָה, מען וועט זיין בשמחה, ווייל מען וועט נישט האבן קיין יסורין נאר גוטס. (אגרא דכלה לבעל בני יששכר)

**פריערט לשון רבים און נאכדעם לשון יחיד?**

וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית וגו': (ז יב) לכאורה איז שווער אז דער פסוק פאנגט אן וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם א לשון רבים, איר וועט טאן, און נאכדעם שטייט וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית א לשון יחיד? נאר מען קען ענטפערן אז מען זעהט אז צוויי מענטשן קענען טאן די זעלבע מצוה, ווי קויפן א שיינעם אתרוג אדער אנטאן גאר מהודר'דיגע תפילין, איז די עשיה בפועל פון זיי איז די זעלבע, אבער די כוונות קענען זיין גאר אנדערש, דער טראכט זה קלי ואנווהו, התנאה לפניו במצוות, און מיינט נאר כבוד שמים, און דער אנדערער מיינט צו ווייזן זיין שיינע אתרוג אדער מהודר'דיגע תפילין, קומט אויס אז די שכר וועט זיין אנדערש פאר יעדן, דאס שטייט וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם, די עשיה קען זיין א רבים, אבער די שכר וועט זיין וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ "לְךָ" אֶת הַבְּרִית, שכר וועט זיין בפרטות לויט די כוונת המצוה. דעריבער וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ "לְךָ". (חן טוב לר' טוביה הרופא ויניציא שס"ה)

**שיינע דרוש אויף השגחת הבורא אויף די בריות און כלל ישראל**

וְהָיָה עֵקֶב תִּשְׁמְעוּן אֵת הַמִּשְׁפָּטִים הָאֵלֶּה וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית וְאֶת הַחֶסֶד אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ: (ז יב) לכאורה איז שווער אז דער פסוק פאנגט אן וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם א לשון רבים, איר וועט טאן, און נאכדעם שטייט וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית א לשון יחיד? נאך א דיוק ווי קומט אריין אין פסוק דער חֶסֶד אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ, וועלכע חסד פון אֲבֹתֶיךָ רעדט מען דא? נאך א קשיא, עס שטייט (שמות כג כה) וַעֲבַדְתֶּם אֵת ה' אֱלֹקֵיכֶם וּבֵרַךְ אֶת לַחְמְךָ וְאֶת מֵימֶיךָ וגו'. וואס לכאורה איז אויך שווער: מען פאנגט אן וַעֲבַדְתֶּם אֵת ה' אֱלֹקֵיכֶם בלשון רבים, און ענדיגט וּבֵרַךְ אֶת לַחְמְךָ וְאֶת מֵימֶיךָ בלשון יחיד? דאס אלעס צו פארענטפערן דארף מען באמת פארשטיין א תמיה עצומה: עס שטייט וַיִּפֹּל אַבְרָהָם עַל פָּנָיו וַיִּצְחָק וַיֹּאמֶר בְּלִבּוֹ הַלְּבֶן מֵאָה שָׁנָה יִוָּלֵד וְאִם שָׂרָה הֲבַת תִּשְׁעִים שָׁנָה תֵּלֵד: (בראשית יז יז) עס איז געווען א וואונדער פאר אברהם און שרה צו האבן א קינד אויף די עלטער, און מען מאכט פון דעם א גרויסע זאך, ווען ביי יוכבד וואס איז געווען ק"ל שנה און געהאט קינדער משה אהרן ומרים, און מען מאכט נישט קיין עסק פון דעם, וואס איז דער חילוק? נאר עס איז ידוע אז דער אויבערשטער פירט די וועלט מיט השגחה נאר עס איז דא השגחה כללית אויף דער מין און ער לייגט א שר אויף זיי, ווי דומם צומח וחי ואומות העולם, און דער אויבערשטער האט יעדע בריה געלייגט אונטער א מזל וואס פירט דאס, און עס איז דא די הנהגה פון השגחה פרטית אויף יעדן פרט ופרט, אזוי ווי עס שטייט אין גמ' (ר"ה טז ע"א) אדם נידון בכל יום ובכל רגע אזוי ווי עס שטייט (איוב ז יח) וַתִּפְקְדֶנּוּ לִבְקָרִים לִרְגָעִים תִּבְחָנֶנּוּ. און אויך (דברים יא יב) אֶרֶץ אֲשֶׁר ה' אֱלֹקֶיךָ דֹּרֵשׁ אֹתָהּ תָּמִיד, און מיט דעם השגחה פירט דער אויבערשטער כלל ישראל, אבער דאס איז נאר ווען די אידן פירן זיך בדרך התורה און מאכן די רצון הבורא, און אויב רוב זענען גוט גייט מען בתר רוב, אבער אויב די אידן פירן זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין, פירט מען זיי אזוי ווי די אנדערע בריות מיט השגחה כללית אונטער א מזל חלילה. אבער די צדיקים און עהרליכע אידן פירט מען נאך מיט השגחה פרטית, מיט דעם איז הפלא צו פארשטיין וואס די גמ' (חולין ז ע"ב) דערציילט אז א מכשפה האט געוואלט שעדיגן רבי חנינא בן דוסא, האט ער זי געזאגט אז ער האט נישט מורא פון איר, פרעגט די גמ' אז מכשפים האבן כח צו צווינגען די מזל פון א מענטש צו טאן זייער ווילן, אויב אזוי ווי האט רחב"ד נישט מורא געהאט? נאר ווייל ער איז געווען א גרויסער צדיק ממילא ער איז נישט געפירט דורך די מזל נאר ער איז העכער פון מזל ווייל ער איז געפירט מיט השגחה פרטית פון אויבערשטן אליין. מיט דעם וועלן מיר פארשטיין דעם חידוש פון אברהם און שרה, ווייל דעמאלטס איז געווען א דור פון פול רשעים און נאר זיי זענען געווען צדיקים, און אין אזא פאל איז דאך די הנהגת הבורא נאר אויפן כלל, און אלע בריות זענען אונטער א מזל, דעריבער איז די תורה מגלה א חידוש, אז אפ"ה ביי צדיקים אין אזא דור, זענען זיי העכער פון די מזל, און די ראיה איז, אז דער אויבערשטער האט געזאגט צו אברהם גיי ארויס פון דיין מזל, ווייל דו ביזט העכער פון מזל, משא"כ ביי יוכבד זענען געווען ששים רבוא אידן און אסאך צדיקים, האט דער אויבערשטער שוין געפירט אלע אידן מיט השגחה פרטית און העכער פון די מזל, וויל מען בתר רוב, ממילא איז נישט געווען קיין חידוש ביי יוכבד צו האבן קינדער ביי ק"ל שנה, ופלא הוא, יעצט וַעֲבַדְתֶּם אֵת ה' אֱלֹקֵיכֶם איז א לשון רבים, צו מרמז זיין אז אויב רוב כלל ישראל מאכן דעם רצון הבורא וועט זיין השגחה פרטית אויף יעדן יחיד, דעריבער שטייט וּבֵרַךְ אֶת לַחְמְךָ וְאֶת מֵימֶיךָ, בלשון יחיד, השגחה על כל פרט. דאס שטייט דא וּשְׁמַרְתֶּם וַעֲשִׂיתֶם אֹתָם, א לשון רבים, ממילא וועט זיין השגחה פרטית אויף יעדן יחיד, ממילא וְשָׁמַר ה' אֱלֹקֶיךָ לְךָ אֶת הַבְּרִית, **בפרטית**, און דאס אלעס לערנט מען ארויס פון אונזערע אבות, א חילוק צווישן די הנהגה וואס אברהם ושרה זענען אליין געווען צדיקים האט דער אויבערשטער געפירט מיט זיי השגחה פרטית, אבער ביי יוכבד וואס רוב זענען געווען צדיקים, און דער אויבערשטער האט געפירט מיט כלל ישראל למעלה מן המזל מיט השגחה פרטית אויף יעדן יחיד. דעריבער פירט אויס די פסוק אֲשֶׁר נִשְׁבַּע לַאֲבֹתֶיךָ: (מראה יחזקאל דעעש)

*מדור העובדות*

# *****דער הייליגער באר מים חיים ביי מלוה מלכה ראטעוועט א איד פון גזלנים*****

אין א דארף רוסטוויע אין בעסעראביא האט געוואוינט א איד א גאר גרויסער עושר ר' יוסף וואס איז געווען א חסיד פון הרה"ק ר' חיים מטשערנאוויץ דער מחבר פון באר מים חיים און סידורו של שבת און נאך. ער פלעגט אפט פאהרן צום צדיק און געגעבן געלט פארן רבין און אים מחיה געווען. ער האט געהאט געדונגען א מלמד א עלטערער איד א גרויסער ת"ח וואס האט דערציילט די קומענדיגע מעשה. איינמאל א ערב שבת נאך חצות קומט צו פארן דער הייליגער באר מים חיים צום דארף פון ר' יוסף און זאגט ער וויל זיין ביי אים אויף שבת. ר' יוסף איז געווען איבער גליקלאך אז דער רבי איז געקומען צו אים און האט געשיקט שלוחים מודיע צו זיין די חסידים אין געגענד אז דער רבי איז דא אויף שבת און זאגט ער וועט צו שטעלן א שבת פאר אלעמען. ר' יוסף האט זיך באלד גענומען גרייטן און באשטעלט די סעודות שבת מיט א ברייטקייט. דערווייל איז אנגעקומען א גרויסער עולם צו זיין ביים רבין און ר' יוסף הייסט גרייטן עס זאל זיין גענוג פאר אלע סעודות.

דער רבי, וואס איז באוואוסט אז שבת איז ער געווען א טפח העכער פון אינדערוואכן און האט זיך געקאכט אין דעם שבת, האט געדאווענט פארן עמוד און די קבלת שבת איז געווען א ימים נוראים'דיגן דאווענען מיט התרוממות. די סעודות און טישן פרייטיג צו נאכט זענען געווען פול מיט חסידים און איז געווען זייער דערהויבן. און אזוי איז געווען שבת אינדערפרי ביים דאווענען און ביי די סעודה. ר' יוסף איז געווען אין א אנדער עולם פול מיט גליק אז ער האט די זכי' צו האבן דעם רבין אלץ א אורח. ער ווייסט נישט מיט וואס קומט אים די זכיה אבער דער רבי ווייסט זיכער און דערווייל כאפט ער אריין דעם מעין עולם הבא.

ביי שלש סעודות איז קאם געבליבן א פאר חלות אויף לחם משנה און מען האט געבעטן מען זאל מצמצם זיין וויל עס איז דא ווייניג. די חסידים האבן פארשטאנען און וויבאלד זיי זענען געווען אזוי דערהויבן פון דעם ליכטיגן שבת ביז יעצט, אז סיווי האט קיינער נישט געטראכט פון גשמיות. עס איז געווען השבת נועם הנשמות. דער שלש סעודות איז געפראוועט געווארן מיט העכערקייט אז מען האט געהאפט אז עס זאל נישט ענדיגן. דער רבי האט כסדר געשוועבט אין העכערע עולמות און מען האט געזען אז דער רבי פארפראוועט יעצט עפעס א העכערע זאך, וואס פליישיגע אויגן קענען נישט פארשטיין וואס די הייליגן צדיק זעהט! נאכדעם וואס דער רבי איז געקומען צו זיך האט מען געבענטשט און נאך מעריב האט מען געזעגנט זיך פון אזא הייליגן שבת און פון רבין.

דער רבי קומט אין הויז פון ר' יוסף און מאכט הבדלה. ר' יוסף האט געמיינט אז דער רבי גייט שוין פארן אבער דער רבי זאגט ער וויל בלייבן עסן סעודת מלוה מלכה, זאגט אים ר' יוסף אז די אלע עסן האבן זיך שוין געענדיגט און עס וועט געדויערן ביז מען קען צושטעלן א סעודה! זאגט אים דער רבי ער זאל זוכן אפשר איז עפעס געבליבן און ר' יוסף זוכט און טרעפט אין אויבן א טאפ מיט בונדלאך און דער רבי זאגט מען גייט זיך וואשן און עסן די בונדלאך.

דערווייל דער רבי זיצט ביים טיש און הויבט אן שוועבן אין העכערע עולמות און זיין פנים ווערט רויט און ר' יוסף און די פאר חסידים ווערן דערשראקן אבער קיינער האט זיך נישט דערוואגט צו שטערן דעם רבין און עס האט געדויערט א לאנגע צייט ביז דער רבי איז צוריק געקומען צו זיך. דער רבי גייט זיך וואשן און נאך המוציא נעמט דער רבי דעם טאפ אוןווארפט דאס אראפ אויפן ערד און זאגט הַפַּח נִשְׁבָּר וַאֲנַחְנוּ נִמְלָטְנוּ - די טָאפ האט זיך צובראכן און מיר זענען געראטעוועט געווארן. דער רבי בענטשט און הייסט זיין גבאי איינשפאנען די פערד און מען גייט פארן. דער רבי באדאנקט ר' יוסף פארן שבת און בענטשט אים מיט הצלחה. דער רבי איז געפארן און ר' יוסף ווערט צומישט וואס איז געווען די הייליגע כוונה פון רבין אין זיין קומען אויף שבת און אויך מיט דעם צוברעכן די טאפ און מיטן פסוק הַפַּח נִשְׁבָּר!

יענע וואך איז ר' יוסף געפארן אין א ווייטע וועג צו איינקויפן פאר זיך טייערע בראנפן. ווען אין מיטן וועג שטעלט אים אפ א הויכער ברייטער מענטש וואס האט געווארפן א שרעק אויף ר' יוסף. דער מענטש זאגט האסט נישט וואס צו מורא האבן איך וויל דיר נאר פרעגן א שאלה. ר' יוסף ווערט בארוהיגט און זאגט קענסט פרעגן. פרעגט ער ווער איז געווען דער מלאך ביי דיר אין שטוב דעם פארגאנגענעם שבת? ענטפערט ר' יוסף: זיין רבי ר' חיים פון טשערנאוויץ! זאגט אים דער מענטש אז דיין רבי איז א גאר גרויסער מענטש און איך וועל דיר דערציילן וואס איז דא געווען. איך בין די הויפט פון א באנדע גזלנים אין די געגנט און מיר האבן געהאט א פלאן אז דעם פארגאנגענע מוצאי שבת גייען מיר דיר צונעמען דיין גאנצע פארמעגן און פארשטייט זיך אויך די לעבענ'ס פון דיין גאנצע משפחה.

מיר זענען געקומען מיט א גרויסער גרופע פון גזלנים צו דיין שטוב און פון דערווייטנס האט זיך געדוכט אז עס שטייט א מלאך אינדרויסן וואס ווארפט אויף אונז א שרעק. איך האב זיך נישט דערשראקן און איך קוק אריין אין שטוב און איך זע אז א מלאך זיצט אויבן אן און איך האב געזאגט די באנדע גזלנים אז מיר גייען אוועק פון דא ווייל מיר הויבן זיך נישט אן מיט א מלאך, און מיר ווילן אוועק גיין אבער מיר פילן ווי דער מלאך האלט אונז אן און לאזט אונז אויך נישט אוועקגיין. פארשטייט זיך אז שטאלצע גזלנים וואס ווערן דערשראקן, זענען מיר יעצט געווארן לעמעלאך און מיר האבן אלע מקבל געווען אז מיר וועלן דיר קיינמאל נישט טשעפען און נאכן מקבל זיין, האבן מיר געפילט אז מיר קענען שוין גיין. און מיר זענען געגאנגען אין וועג. אונזער צוזאג וועלן מיר אנהאלטן, ממילא אפילו דו וועסט גיין אין מיטן נאכט אליין וועט קיינער פון אונזער באנדע דיר נישט טשעפען כל זמן דו לעבסט.

יעצט איז אלעם געווארן פארענטפערט פאר ר' יוסף: דער רבי האט געזען ברוח הקודש וואס די גזלנים ווילן טאן איז ער געקומען אויף שבת פלוצלונג, און די מאדענע זאך פון צוברעכן די טאפ איז געווען פארשטענדיג מיט הַפַּח נִשְׁבָּר און ער איז געווארן געראטעוועט פון די גזלנים. און די דביקות ביים סעודת מלוה מלכה האט געווארפן א פחד אויף זיי און ער איז געראטעוועט געווארן. דאס איז ווייל ער האט שטענדיג געהאלפן דעם צדיק איז דער צדיק אים געקומען העלפן. ר' יוסף האט געפראוועט א סעודת הודאה און דערציילט די טובה וואס דער צדיק האט אים געטאן. און ער איז געפארן דאנקען דעם רבין. (סיפורי צדיקים החדש)

***הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" מרכז העולמי לאלפי ספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד צו פארקויפן- עס איז א שיינע מתנה***

רמב"ם עם הג"ה וחתימת הרמח"ל, פסק דין של הנודע ביהודה, גמ' עם הגהות הרה"צ ר' אליעזר פיש מהאדאס, חק לישראל שהשתמש בהם הגה"ק ר' אברהם מתתיהו משטעפענעשט רבו של הריבניצער וסקולען, בריוו פון צמח צדיק מוויזניץ, תשובה פון מנוחת אשר מטשענגער, הבעקעטשע של ר' יענקעלע עם אישור, סעט שדה חמד גדול דפוס נו"י $300 החסידות אהרן מרכוס $100, סידור הבעש"ט $75, טשעק של האדמו"ר מסקולען ר' ישראל אברהם זצוק"ל $750. טשעקים חתומים שנתנו להגה"ק מטשימפא לחלק לצדקה $300 כ"א, מכתב הגה"ק ר' משה אריה פריינד עם הגה"צ ר' רפאל סאלאווייטשיק $900, צוויי ספרים אויף ר' יצחק אלחנן געדרוקט דורך ר' יעקב ליפשיץ ווארשא תרנ"ז וואס האבן באלאנגט צו הגה"צ ר' אביגדור מיללער $800, ספר שערי חיים וואס הרה"ק ר' דוד יהודה פריינד פון סאסרעגען האט געגעבן צום קראסנא רב א מתנה און ער האט געחתמ'ט $750, אות חיים ושלום מונקאטש עם הגהות הגאון ר' פינחס כ"ץ $800, ספר קיצור ראשית חכמה עם הקדשה ארוכה מהגה"צ ר' יחזקאל שרגא מערץ, 6 ספרי ראזדין דפו"ר בית יעקב ויקרא, דברים, סוד ישרים ג שנים, תפארת החנוכי $3000, לקוטי מהרי"א שמות ודברים $1500, צמח צדיק וויזניק ג' חלקים דפו"ר $800. ספר פרקי דרבי אליעזר עם כמה חתימות הרה"ק ר' חיים שלמה מקאסאן, ספר חסידים באזיל שמ"א, ספר יד שאול על הל' שבועות דפו"ר עם הגהות הגאון ר' גרשון ליטש סג"ל רוזנבוים בעל משיב דברים, בריוון פון מרחשת, דברי מלכיאל, דער תפארת איש מנאוואמינסק, ר' שמעון שקאפ, ר' פסח פרוסקין, מהרה"ק מהוסיאטין, מהרה"ק ר' יחזקאל מאוסטראווצא,, מהגאון מקאוונא, מהגאון ר' הענקין, און נאך מיר פארקויפן זילבערנע מטבעות פאר פדיון הבן און אויך אלטע געלט 4403 - 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA ~ T 718 - 438 - 8414 ~ F 718 - 633 - 5500 Store Hours are 11:30 -7:30 Fri till 2:00, To receive pardes:

pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store from Wednesday check our website *WWW.SEFORIMWORLD.C*OM